שנה ד׳
גליון ע׳

**ויגש-ויחי**
תשפ״ה לפ״ק

בעזהשי״ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

גליון פנימי לאנ״ש חסידי פאפא • י״ל ע״י ׳מערכת פאפא׳

שיחת קודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א בעת **שמחת החאלאקא** להנין הילד שלמה זלמן ני״ו בן פרע״ח הרב אלי׳ לייב מאסקאוויטש שליט״א בן **כ״ק האדמו״ר מזלאטשוב שליט״א, וחתן חדב״ן הרה״צ רבי אהרן כ״ץ שליט״א** אב״ד תולדות אהרן

**יום ה׳ בלק שנת תשפ״ד לפ״ק**

**האדמו״ר מזלאטשוב**: ס׳איז אמאל געקומען צו כ״ק מרן מהרי״ד מבעלזא זי״ע א טאטע מיט א קינד, און דער בעלזער רב איז נישט געווען צופרידן וויאזוי דאס קינד קוקט אויס, האט דער טאטע געזאגט אז מ׳קען זיך נישט אנטון היינט ווי די פריערדיגע יארן, האט בעלזער רב געזאגט, אז ס׳שטייט (דברים יא, יח-כ) ולמדתם אותם את בניכם וגו׳ וקשרתם לאות וגו׳ וכתבתם על מזוזות ביתך, פונקט ווי מ׳קען נישט נאכלאזן אין מצות מזוזה און תפילין, אזוי אויך איז מיט׳ן ענין פון חינוך הבנים.

**מדור שיחות קודש** —— א

בתוכן:

**חינוך הבנים ע״ד המסורה** / מצות פיאות הראש / **שמחה של מצוה** / חינוך מצוה צריך להיות בשלימות / **חשיבות כל דבר מצוה קלה** / ימי החום בימי קדם / **תעניתים לנשים** / אודות הב׳ הק׳ משה הי״ד בנו בכורו של מרן ז״ל / **מרן ז״ל באמעריקא בשנים קדמוניות** / מוסר השכל מדרשת נשיא מדינת פולין / **ועוד**

**מדור דברות קודש** —— יא

בתוכן:

**אנכי בדרך נחני ה׳** / תורה תבלין כנגד היצר הרע / **כתר שם טוב עולה** / איש איש לפי מהללו / **דרך תלמידי בעל שם** / תורה עם יראת שמים / **ויגבה לבו בכל הזמנים** / ברכות לרוב / **ועוד**

**מדור חסידים דערציילן** —— יט

**לימוד באלשיך הק׳** / תפלות הנשים / **לתקן לו בית התלמוד** / ברכה על תפוחי אדמה / **אלקא דמאיר עננו** / לימוד חומש רש״י

# הנה זה בא!

**התרגשות קודש לקראת שמחת הבר מצוה פונעם רבי׳נס עלטסטע אור אייניקל, במקהלות אלפי חסידי פאפא מוצאי שב״ק ויחי, בהיכל בידהמ״ד הגדול**

**ווועדה המכינה שמחות בית פאפא אין לעצטע הכנות צום היסטאָרישן בר מצוה | מקהלת בית פאפא שטעלט אַרויס ספעציעלע ניגון ׳ואנחנו עמך׳ קאָמפּאָזירט לקראת דעם היסטאָרישן שמחה | בית המדרש הגדול וועט ווערן ספּעציעל אויסגעשטאַטעט מיט הויעכשטאקיגע פאַרענטשעס אַרום און ארום צו אַקאָמאַדירן דעם ציבור האלפים | באָסעס וועלן אַרויספאָרן פון אַלע געגנטער פאָלגט נאָך לאָקאַלע מודעות בכל ריכוזי אנ״ש**

**יראו עינינו וישמח לבינו בשמחתה ההיסטורית דבית חיינו**

כ'האב געקלערט אז דאס פריערדיגע מאל וואס כ'האב דא געטראפן דעם רבי'ן איז געווען ביים קלאפן מזוזה פון דעם שטוב, און יעצט דאס צווייטע מאל האלט מען ב"ה ביי ולמדתם אותם את בניכם.

**מרן שליט"א**: דער פריערדיגער רב ז"ל האט אמאל געזאגט פאר איינער וואס האט באהאלטן זיינע פאות, אז איינער פון די טעמים אויף לא תקיפו פאת ראשכם איז אז מ'זאל דערקענען אז מ'איז א איד, איז אויב אזוי פארוואס באהאלטסטו די פאות, מ'דארף עס דאך דערקענען[א].

**כ"ק מרן שליט"א גזז שער הילד, ואחר כך אמר**:

מ'ווייזט פאר'ן קינד אז מ'מאכט אזא עסק דערפון, מ'מאכט א געשעפט דערפון. אזוויי ס'איז ידוע די ווארט אז ס'איז נאכנישט געווען קיין איד וואס האט געטון אן עבירה און געמאכט א סעודה, אבער אז מ'טוט א מצוה מאכט מען אן עסק דערפון.

**האדמו"ר מזלאטשוב**: הגה"ק מרן החתם סופר זי"ע זאגט דאך (חתם סופר פ' ויחי ד"ה וירא יוסף משנת תקצ"ד), אז ווען מ'ווערט בר מצוה מיט א שמחה, איז די מצות שמחה דאס ערשטע מצות עשה דאורייתא וואס דער בר מצוה בחור איז מקיים[ב].

---

**א.** ראה מה שכתב כ"ק מרן זצוק"ל בהקדמה לספה"ק ויגד יעקב (דברים): ושמעתי שמרן הגה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע ועכ"י ראה א' מהאברכים שהסתיר לגמרי פיאות ראשו שלא היו ניכרין, ואמר לו בדרך צחות על ידך נתיישב לי קושיית הטור על הרמב"ם, דהרמב"ם נתן טעם לאיסור הקפת פיאות הראש מפני שדרכן של העובדי כוכבים לעשות כן ותמה עליו הטור יור"ד סי' קפ"א וכי אנו צריכין לבקש טעם למצות ה' כי מצות מלך הם עלינו אף עם לא נדע טעמם, אבל בראותי אותך נתיישב לי דנפק"מ בטעם הרמב"ם שלא לעשות כאשר אתה עושה דצריך שיהי' הפיאות ניכרין שלא יהא נראה כנכרי. והוסיף מרן ז"ל דיש מצות סגוליות כגון מצות פיאות הראש שמלבד קיום המצוה הוא סגולה ליראת שמים.

**ועובדא** כעין זה מובא בספר אוצר מאמרים בעלזא (חלק ב' עמוד תקנה) מה שסיפר הרה"ח ר' חיים נטע כ"ץ ז"ל: פעם היה בחור בבעלזא שהפיאות שלו היה משוזר מתחת לאזנו, כשנכנס לכ"ק מרן מהר"א זי"ע לקבל ברכת פרידה אמר לו מרן: "א פלא א בחור ווי דו זאל נישט האבן קיין פיאות", והראה לו מרן על פיאותיו הק' ואמר: "אונז חסידים גייען ביז אהער", ואח"כ הראה מרן על למעלה קצת, ואמר: "ביז אהער איז דאך יעדער איד מחוייב". יצא הבחור והוריד פיאותיו, וחזר ליקח ברכת פרידה עוד הפעם כדי להראות פיאותיו. אמר לו מרן: כעת נתיישב לי הרמב"ם שכתב (פרק יא מהלכות עכו"ם) שלא לגלח הפיאות מטעם 'ובחוקותיהם לא תלכו', ולכאורה הלא מקרא מלא הוא 'לא תקיפו פאת ראשכם', אלא הרמב"ם מיירי באופן שיש לו פיאות, רק שאינם ניכרים, ועל זה כתב הטעם משום 'ובחוקותיהם לא תלכו'.

**עוד** מעתיק שם באוצר מאמרים (עמוד תקנא) מספר קול יעקב: שמעתי מחסיד אחד, ששמע ממרן הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע שאמר לגדול אחד: "גם אנו יודעים שאם לוקח שער הזקן בלי תער, ואם נשארו מהפיאות כדי לכוף ראשן לעיקרן, אין כאן איסור תורה או דרבנן, אבל אם יש לבחור פיאות וזקן מגודל, אין היצר הרע יכול להוליכו למקומות מגונים [פאסקיצווע ערטער], כמו למי שאין לו פיאות וזקן, וזהו שמירה היותר גדולה".

**ב.** ראה שם לשונו הקדוש: הנה במגן אברהם סימן רכ"ה סק"ד






**מרן שליט"א:** כ"ק מרן מבעלזא זי"ע פלעגט צו זאגן אז ביים בענטשן זאל דער בר מצוה בחור אויסטרינקען די גאנצע כוס ברכת המזון, ווייל חינוך דארף זיין בשלימות[ג].

ס'איז טאקע א פלא איבער דער ענין פון חינוך, אז מ'איז מחנך א קינד אויף א חלק פון די מצוה. די פוסקים רעדן ארום איבער די תעניתים פון די קטנים די קליינע קינדער, אז מ'איז נישט אזוי מדקדק אז ס'זאל זיין על פי הלכה, און די פוסקים זענען דן צי ס'איז שייך חינוך אויף א האלבע מצוה, מסתמא ווענדט זיך עס אויך צי ס'איז שייך א מצוה אויף חצי שיעור, אז מ'האט אויך עפעס א חלק אין די מצוה[ד].

---

בשם ילקוט חדש לעשות סעודה ושמחה ביום שנכנס לבן י"ג ויום א' כיום חתונתו וכו'. ואמרתי שזהו מצוה ראשונה שמקיים הנער מיד בכניסת שנת י"ד בצאת הכוכבים הוא שש ושמח שזוכה לקבל עול מצות ה' אלקיו, והשמחה היא מצות עשה דאורייתא לעבדו בשמחה ובטוב לבב מרוב כל, ואמרתי שלא נתפרש בתורה לשמוח ביום זה כמו שלא נתפרש בתורה לשמוח ביום מתן תורתינו הקדושה, אלא תלה היום טוב והשמחה ביום הביכורים וקציר חטים, כי לא יתכן שיצוה אותנו במצות עשה שנתחייב לשמוח בקבלת עול על צווארנו, א"כ שמחה זו גופי' עול היא על צווארנו, אלא הקב"ה לא ציוה, ואנחנו שמחים מעצמינו שזכינו לקבל עול תורתינו עלינו, ומטרדת שמחה זו נשכח שמחת בכורי קציר חטים שהיא שמחת עוה"ז וכל חפצים לא ישוו לנו, וכן ביום בר מצוה.

**ג.** ראה בספר 'בצלו חמדתי' (שנת תש"ס - עמוד קעא): עוד סיפר אז [יום אחר הסתלקות מרן מבעלזא זי"ע] רבינו [הגאון מטשעבין] זצוק"ל, כי פעם בעת סעודת בר מצוה היה נוכח הרה"ק מבעלזא זצוק"ל, אחר ברכת המזון שזימן הבחור הבר מצוה, ציווה עליו הרה"ק לשתות את כוס הברכה עד תומה. רבינו זצ"ל תמה בלבו הלמאי מכביד על עול ימים זה בשתיית כוס מלא של יין, כאשר מן הדין ברוב כוס סגי. הרה"ק תפס במחשבתו את תמיהת רבינו ואמר לו, הן אמת שכל נס חנוכה תמוה הוא, שהרי שנינו טומאה הותרה בציבור, אלא שמכיון שאז חנכו את המנורה, הרי שבחינוך בעינן 'לכתחלה' דייקא, וה"ה בנידון דידן אשר הבחור נכנס לעול המצוות הרי שהחינוך מן הראוי שיהיה בשלימות, והוסיף רבינו [מטשעבין]: "איך האב געפילט אז ער האט מיר תופס געווען די מחשבה".

**ד.** ויש לציין מה שכתב כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע בשו"ת משפטיך ליעקב (סימן ו), שנשאל אם נכון לאחר זמן תפלה בביהמ"ד עד שיבואו התינוקות של בית רבן, כי בעווה"ר מחמת גזירת המלכות אי אפשר להם לבא לזמן תפלה שהיה עד הנה, כי הם אנוסים לילך לשטאט-שקאלע, ואיזה תלמידי חכמים מתרעמים שיש בזה משום טירחא דציבורא.

**מרן** הויגד יעקב פוסק שנכון מאוד לקבוע זמן התפלה באופן שגם הקטנים יוכלו להתפלל בציבור כמובן אם אין בזה ביטול זמן קרי"ש ותפלה, ומאריך שם בצדדי ההיתר, ובתוך דבריו כותב

**חדב"ן הרה"צ רבי אהרן כ"ץ שליט"א אב"ד תולדות אהרן:** כ'האב אמאל געהערט פון מיין טאטן [הגה"צ רבי שלמה זלמן כ"ץ אב"ד תולדות אהרן] זצ"ל, כ'ווייס נישט צי ער האט עס אליין געזאגט צי ער האט עס נאכגעזאגט פון איינעם, אז מ'זעט אין פרשת ואתחנן (דברים ד, מג) אז משה רבינו האט אויפגעשטעלט די ערי מקלט את בצר במדבר ואת ראמות בגלעד וגו', און רש"י זאגט (פסוק מא) אז באמת האט עס נאכנישט קולט געווען, אבער משה רבינו האט געזאגט מצוה שאפשר לקיימה אקיימנה. נאכדעם שטייט אין פסוק (פסוק מד) וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, זאגט רש"י אז ס'האט נישט קיין קשר נאר ס'גייט ארויף אויף שפעטער.

האט מיין טאטע ז"ל געזאגט אז מ'קען זאגן נאך א פשט אז ס'האט יא בעצם שייכות, ווייל טאקע דאס האט משה רבינו געוואלט אויסלערנען פאר אידישע קינדער, אז אפילו טאמער ס'איז נאר דא א האלבע מצוה, א פערטל מצוה, עפעס אביסל פון א מצוה, אז ס'איז עפעס א דבר טוב, זאלסטו עס טון, כאפ אריין וואס דו קענסט! וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, אז אפילו א קליין ביסל מצוה זאל מען אריינכאפן.

**מרן שליט"א:** ס'איז טאקע אזוי! מ'זעט אז מ'לערנט תורה מיט א קליין יונגל, אזויווי ס'שטייט (רש"י דברים יא, יט - בשם ספרי משעה שהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה, תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב. לכאורה הייסט דאך דאס נישט קיין תורה, ווייל ער פארשטייט נישט וואס ער רעדט. פשטות איז דער פשט ווייל חוץ תורה איז אויך דא דער ענין פון קדושת הדיבור, אבער לויט דעם קען זיין דער פשט, אז אפילו ס'איז נאר א מקצת מצוה האט עס אויך א חשיבות.

דער סדר הלימוד ווען מ'הייבט אן לערנען מיט קליינע קינדער איז עס טאקע נישט קיין שלימות; די קליינע קינדער לערנען אין חדר וידבר ה' אל משה לאמר, און מ'טייטשט 'לאמר', 'אזוי צו זאגן'... דאס קינד ווייסט

---

שם: בכל מקום מצות חינוך לקטנים כמו בגדולים, וכן מבואר בהלכות פסח סימן תעב, שמחנכין הקטנים לשתות ארבע כוסות, ומשמע מלשון השו"ע של הרב תניא זי"ע שצריכין לשתות רוב רביעית כמו הגדולים, עיי"ש במסגרת השלחן על הקיצור שלחן ערוך שהאריך להוכיח מכמה מקומות שמצות חינוך בקטנים הוא כמו בגדולים, והכי מוכח מסימן תרנ"ח מגן אברהם ס"ק ח' דקטן מחוייב לקיים המצות כמו הגדול, עיי"ש ודו"ק.

נאכנישט וואס דאס מיינט, אבער ס'האט נאכאלץ א געוואלדיגע חשיבות.

*

**השיחה נסובה אודות ימי הקיץ, ואמר כ"ק מרן שליט"א:**

דער אויבערשטער פראבירט אויס אידישע קינדער, און געבט אונז אין די היצן עיר-קאנדישן; אז דער אויבערשטער געבט עיר-קאנדישן, דארף מען געדענקען צו לויבן דעם אויבערשטן אז מ'האט היינט עיר-קאנדישן.

הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל האט געזאגט אמאל זומער ביים פארלערנען פרק שבת נאכמיטאג, אז ווען מ'וויל זיך אפקילן גייט מען ארויס אין הויף שעפן לופט - דעמאלטס איז נאכנישט געווען קיין עיר-קאנדישן - און ר' יונתן האט געזאגט: "דאנקען ז' דעם באשעפער פאר די גוטע לופט!" ס'איז טאקע נישט דא קיין ברכה אויף גוטע לופט, אבער לויבן דעם אויבערשטן דארף מען נאכאלץ.

**הרה"צ רבי אהרן כ"ץ**: ס'איז א גדלות פונעם עולם אז מ'איז געזעסן ביי זיין פרקי אבות שיעור אין אזעלכע היצן, אפשר איז מען אמאל געווען מער צוגעוואוינט, מ'איז נישט געווען געוואוינט אויף אזעלכע באקוועמליכקייטן

**מרן שליט"א**: יענע צייטן איז נאכנישט געווען קיין עיר-קאנדישן, די ערשטע גרויסע עיר-קאנדישן פאר'ן ציבור






איז געווען ביי אונז אין בית המדרש, וואס הרה"ח ר' לייבוש רובינשטיין (הי"ו) [ז"ל] האט ערלעדיגט[ה]. ס'איז דא א כתב פון כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל אויף דעם, מ'האט צאמגענומען געלט פון יעדעם איינעם צו אריינלייגן אן עיר-קאנדישן אין בית המדרש[ו].

דאס איז געווען אין בית המדרש, אבער אין שטוב האט אפילו דעמאלטס נישט יעדער געהאט, און אפילו אז מ'האט יא געהאט אינדערהיים אן עיר-קאנדישן, האט מען נישט געהאט אין יעדע איינציגע שטוב; ס'איז נישט געווען אזויווי היינט.

הרה"ח ר' בעריש וועבער ז"ל האט דערציילט, אז דער טאטע ז"ל איז אמאל געווען באזוכן ביי הגה"ק מצעהלים זצוק"ל אין שטוב און ער האט געהאט אן עיר-קאנדישן אין שטוב, האט ר' בעריש וועבער דאס געוויזן פאר'ן טאטן ז"ל און געזאגט: "א שטוב איז קיל אינמיטן זומער"... ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע זאך אז א שטוב איז קיל אינמיטן זומער.

אפשר שפעטער האט שוין דער טאטע ז"ל געהאט אין שטוב אן עיר-קאנדישן, אבער זיכער נישט אין יעדע שטוב.

---

**ה.** מעוניין לציין מה שסיפר הרה"ג ר' עזרי' זושא פאללמאן ז"ל מחסידי באבוב: בשנים הראשונות היה נפוץ ביותר שבימי הקיץ למדו בבתי מדרשים בלי המלבוש עליון מחמת החום ששררה במקום. כ"ק מרן זצוק"ל שהיה עז רצון קדשו שילמדו בבית מדרשו מלובש עם המלבוש עליון, חיזק מאוד את הרעיון לתקן מכונה המקררת בבית המדרש הגדול. בשנת תשי"ז לפ"ק אחר חתונתי קבעתי עצמי ללמוד במשך היום בביהמ"ד הגדול, ופעם כשנכנס מרן ז"ל לתפלת מנחה ניגש אלי ושאל אותי בחביבות: "פארוואס עפעס קומסטו לערנען פונקט דא?" עניתי בלשון בדיחותא: "אמאל פלעגט מען קומען צו א רבי'ן זיך צו אנווארעמען, און איך קום דא צום רבי'ן זיך צו אפקילן"... מרן ז"ל חייך בהנאה רבה. (מרשימות הר"ר מנחם מענדל א"ב הי"ו).

**ו.** וזל"ק (מארכיונו של הרה"ח ר' שמואל מאיר נישלאס הי"ו יו"ר מכון גנזי אור): לכבוד הבע"ב הנכבדים והבחורים החשובים המתפללים בבית מדרשינו הי"ו. היות כי ידידינו ר' ליבוש רובינשטיין מגבאי דביהמ"ד לקח עליו ענין טוב ונכון מאוד להעמיד מכונה המקררת בבית מדרשינו, למען בבוא ימים החמים הבוערים כתנור אש לא יהא מניעה להבעלי בתים ולהבחורים לקבוע עתים לתורה בבית מדרשינו, וגם לבחורי הישיבה הוא חסד גדול מאוד, וגם בעת התפלה הוא תועלת גדול, והדבר יוכל לבוא לידי גמר טוב אם כל א' מהמתפללים יחייב עצמו ליתן לזה דאלר א' לחודש משך ג' שנים, על כן אמרתי לגלות דעתי בזה שאני רואה דבר זה לנכון טוב ויפה, ונא לסייע לו באופן הנ"ל, וכל הנוטל חלק בזה הרי זה בכלל מזכי הרבים שזכות הרבים תלוי בו. בעה"ח יום ג' ניסן תשי"ד.

מ'דארף מחנך זיין די קינדער אויף יעדע זאך אז ס'קומט זיך נישט, און אז מ'דארף לויבן דעם אויבערשטן אויף יעדע זאך וואס מ'האט.

**הרה"צ רבי אהרן כ"ץ**: מיין פעטער כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א זיצט נאך היינט אן עיר-קאנדישן, און ס'איז נישט אלס סיגוף, נאר ער דארף עס פשוט נישט, ער זאגט: "איך זע נישט פארוואס מ'דארף עס האבן"... ער איז אזוי אויפגעוואקסן אלע יארן אלס קינד, א געוואוינהייט איז א זאך, ס'רעדט פשוט נישט צו אים.

**מרן שליט"א**: אין ארץ ישראל איז שוין היינט אויך גרינגער, ס'איז שוין דא מער עיר-קאנדישן; ס'איז שוואכערע דורות היינט, מ'דארף עס האבן.

**הרה"צ רבי אהרן כ"ץ**: פון די אנדערע זייט האט מען אין ארץ ישראל כמעט נישט מחמיר געווען אויף פאסטן פאר נשים, קוים תשעה באב האבן נשים געפאסט, און אסאך האבן דאס אויך נישט פארלאנגט. דאס איז געווען וויבאלד זיי זענען געזעסן אין די היץ, האט מען מקיל געווען. מיין מאמע האט מיר געזאגט אז ווען זי איז געווען א מיידל אין ארץ ישראל איז כמעט נישט געווען אזא זאך ווי פאסטן, אפשר תשעה באב יא, אבער מ'האט גלייך באקומען א היתר אויף דעם.

מיין זיידע כ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל האט נישט געלאזט די בחורים ביז זיבעצן יאר פאסטן צום גדלי'. איך געדענק עס ווי היינט אז ער האט געכאפט א בחור פון זעכצן יאר פאסטן, ער האט אים געזען עולה זיין לדוכן ביי מנחה, ס'איז שוין געווען ביי מנחה ממש פאר'ן שקיעה, און מיין זיידע האט אים געשיקט אז ער זאל גיין אויספאסטן.

צום גדלי' איז דאך ממש פאר יום כיפור, אבער מסתמא האט עס אויך געהאט שייכות מיט די היצן פון ארץ ישראל.

**מרן שליט"א**: וועגן דעם האט מען דאך געגעבן ביי די אשכנזים צוויי שעה הפסקה אינמיטן יום כיפור, ווייל מ'האט נישט געהאט קיין כח צו שטיין די גאנצע טאג און דאווענען.

ביי זיי זאגט מען יום כיפור די אלע סליחות'ן מיט יוצרות, מ'הייבט שוין פון ותיקין, מ'דארף האבן כח דערצו; דעמאלטס איז געווען אנדערע כוחות.

כ'האב שוין אמאל נאכגעזאגט וואס ס'שטייט אין ספה"ק צמח ה' לצבי (פ' נשא ד"ה וכפר עליו), אז די גמרא זאגט (תענית

יא.) היושב בתענית נקרא חוטא, אז איינער וואס זיצט א גאנצן טאג און ער טראכט נישט עפעס אנדערש נאר אז ער פאסט, אזא איינער נקרא חוטא, ס'איז גארנישט ווערד אזא תענית.

דער יושר דברי אמת (אות מ) איז מאריך אין דעם גאנצן ענין, ער זאגט אז ס'איז נאך סאך ערגער, אז דו פאפסט דיר אריין[ז].

**ז.** ונעתיק קצת מלשונו הקדוש: ככה הוא ענין התענית כפי שהם מתענין ואין מפשפשין במעשיהם כלל, ואף (ישעיה נח, ג ביום צומכם וגו' עצביכם תנגשו, כמו שאמר הכתוב (שם נח, ד) הן לריב ומצה תצומו, כי ביום התענית מתגבר הכעס ח"ו, ועושים כמה עבירות ביום התענית, כמו כעס ולשון הרע וכו', ואף על פי כן חושבים להתענות ומתגאים בו, וחושבים שכבר נמחל להם מה שחטאו, ובאמת לא כן הוא, כי עיקר התענית צריך כדי שישבור לב האדם בקרבו, כי לב האדם מתגאה על ידי אכילה ושתיה, ועל ידי התענית הוא נכנע, ותענית לשון עני כמו שכתוב בראשית חכמה (שער הענוה ריש פרק א'), ואז יוכל הלב להתחרט מאד על עונותיו, כי זהו עיקר התשובה החרטה, כמו שכתוב בשערי תשובה לרבינו יונה, וזולת זה אין התענית חשוב כלום, אפילו אם נשמר ביום התענית מן החטא, ולומד כל היום, אף על פי כן בלא תשובה, היינו פשפוש במעשים וחרטה גדולה אינו כלום, כל שכן אם ח"ו פוגם ביום התענית באיזה עבירה אפילו קלה.

**ובאמת** לפי שהקב"ה רחמן גדול, (איוב לז, כג) ושדי לא מצאנוהו שגיא כח, ואינו בא אל האדם אלא לפי כחו, אפשר הקב"ה מקבל מקצת אנשים שעושים תענית בתמימות, אף על פי שלא יהיה באופן שכתבתי, כי הם אין להם שכל איך לעשות התענית שיהיה רצוי לפני השי"ת, אבל אנשים כמונו שידענו כל זה, אם לא נתענה באופן שיהיה רצוי לפני השי"ת כפי שאנו מבינים, בודאי לא יקבל השי"ת זה התענית, (תענית יא ע"ב) וליכול כלבא לשירותיה, וזה התענית ח"ו הולך לריק, ולקליפות הנקראים ריק. והרי זה הפסד בכמה אופנים, הפסד הגוף אשר בדור הזה התשת כח גדול הוא, והפסד הנפש שעל ידי זה נאבד ההכנעה מן הנפש, שידומה לו שכבר פרע חובו, ובאמת הוסיף חטא על פשע, ומתגאה את



ס'איז טאקע שוואכע דורות, אבער לעומת זה זעט מען היינט זייער שטארק דעם ישראל קדושים הן!

מיין מאמע ע"ה האט דערציילט אז ביים קריג אין לאגער, האבן זיי תשעה באב אוועקגעלייגט די ברויט אויף ביינאכט, מ'האט געארבעט די גאנצע טאג, אבער מ'האט געפאסט.

הר"ר הערשל בוים הי"ו האט געזאגט אפאר יאר צוריק א דרשה, און ער האט דערציילט בתוך הדברים וואס האט באוואיגן זיין זיידן הרה"ח ר' מנחם דוד בוים ז"ל צו שיקן זיינע קינדער פון באלטימאר קיין ניו יארק צו לערנען ביים טאטן ז"ל.

ער האט דערציילט אז זיין זיידע איז געווען א חזן, און זייענדיג אין אוישוויץ האט ער אמאל פון גרויס הונגער מחליט געווען אז ער שטעלט זיך איין, און ער איז אריינגעגאנגען צו די דייטשן ימ"ש און זיך אנגעטראגן אז ער קען זינגען פאר זיי; דער אויבערשטער פירט דאך די וועלט, און זיי האבן אנגעהויבן לאכן צווישן זיך, אבער זיי האבן אים געזאגט אז ער זאל זינגען. זיי האבן טאקע הנאה געהאט פון זיין זינגען, האבן זיי אים געווארפן א ברויט.

אנקומענדיג צוריק אין לאגער, האט ער געטראפן דעם טאטן ז"ל'ס עלטסטע קינד הב' משה הי"ד זיצן ביי א בוים אפגעשוואכט, האט ער אים געפרעגט צי ער וויל עפעס עסן, האט ער געשאקלט מיט'ן קאפ אז ער דארף עסן, אבער ווען ער האט ארויסגענומען די ברויט האט דער טאטן ז"ל'ס זון משה נישט געוואלט עסן ווייל מ'דארף זיך וואשן, ביז ער האט באוויזן ארויפצושלעפן זיין ערמל אויף די הענט און אזוי עסן.

האט ר' מענדל בוים שפעטער געזאגט: "א רבי וואס איז מחנך אזא קינד, צו אים וויל איך שיקן מיינע קינדער לערנען!"

*

**מרן שליט"א**: מ'זעט אין די פרשה אז מ'איז אזויפיל פארנומען מיט בלק'ס מחשבות און מיט בלעם'ס מחשבות, זיי האבן אזוי געטראכט און אזוי געטראכט. מ'טרעפט אז פון המן הרשע איז ארויסגעקומען תורה, אזוויוי די גמרא זאגט (גיטין נז:) מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק, און פון בלעם און בלק איז אויך ארויסגעקומען א תורה, גאנצע שטיקלעך אור החיים הק' לערנט ער ארויס פון בלעם און בלק; פון דעם זעט מען א דרך וויאזוי ערליכע אידן נוצן אויס יעדע זאך זיך אפצולערנען, און אויך פון בלעם און בלק קען מען זיך עפעס אפלערנען.

אין די ערשטע יארן ווען דער טאטע ז"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקא, פלעגט ער צו קרעכצן: "איך קען מיר נישט צוגעוואוינען צו די אמעריקאנע זאכן", ס'איז אים נישט אריין אין קאפ... אמאל איז דער טאטע ז"ל געווען אויף א פלאץ און ס'איז געווען דארט א טאוול: "טֵיים איז מָאנִי", האט דער טאטע ז"ל געפרעגט פון די מקורבים: "וואס שטייט דארט?" האט מען אים איבערגעזאגט וואס דארט שטייט, האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "אָה! פון דעם האלט איך יא"...

אין די ערשטע יארן איז דער טאטע ז"ל געגאנגען נעמען 'לייסענס' צו זיין א מסדר קידושין - יענע צייטן האט מען אויף די אלע סארט זאכן געדארפט שווערן - דער טאטע ז"ל איז אנגעקומען אהין און אויסגעפילט די פאפירן און אלעס וואס מ'האט געדארפט דורכגיין, און נאכדעם האט מען אים געזאגט אז מ'דארף שווערן אז מ'וועט נישט טון קיין קרימינאלע זאכן, האט דער טאטע ז"ל זיי געזאגט: "ביי אונז שווערט מען נישט אפילו אויף אמת", האבן זיי געזאגט אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט געהערט אזא זאך, און אז מ'שווערט נישט קען מען נישט באקומען די לייסענס.

זעענדיג דאס, האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר'ן משמש: "געב מיר דעם טיליפ, אונז גייען אהיים!" ווען דער קלערק האט דאס געזען, האט ער צוריקגערופן דעם טאטן ז"ל און געזאגט: "פאר דיר געב איך יא!"

אזא מעשה איז געווען ווען כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקא, און ער איז איינגעשטאנען א טאג-צוויי אין א האטעל אין וועסד-סייד, און ווען צעהלימער רב ז"ל האט געהערט אז סקווערער רבי ז"ל איז דארט האט ער אים שנעל געררופן אז ער זאל קומען צו אים, און ער האט אים איבערגעגעבן זיין דירה.

דארט אינעם האטעל איז נישט געווען קיין סינק אינעם שטוב, נאר אין די בית הכסא, האט סקווערער רבי ז"ל געבעטן דעם מענעדזשער פונעם האטעל: "איך בעט דיר, איך מוז האבן א סינק אין שטוב, איך קען נישט אן דעם", האט אים דער מענעדזשער געמאכט א סינק אין שטוב.

---

עצמו בחנם.

איז געקומען א צווייטער זעט זיך אויס א בנן של קדושים, און ער האט אויך געבעטן א סינק אין שטוב, האט דער מענעדזשער געזאגט אז ער טוט דאס נישט, האט יענער געפרעגט: "פארוואס האסטו יא געמאכט פאר'ן סקווערער רבי'ן?" האט דער מענעדזשער געזאגט: "פאר אים האב איך עס געמאכט, ער דארף דאס האבן, דו דארפסט דאס נישט האבן, דו קענסט דיר באגיין אויף אן דעם"...

**א' מבני המשפחה**: הגאון ר' מאיר שפירא זצ"ל איז געקומען קיין אמעריקא נאך געלט פאר זיין ישיבה, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין אייראפע האט אים איינער געפרעגט צי ער האט זיך אויסגעלערנט עפעס ענגליש זייענדיג אין אמעריקא, האט ער געזאגט אז ער האט זיך נישט אויסגעלערנט גארנישט, נאר איין ווארט האט ער זיך אויסגעלערנט אז 'קָאם בֶּעק טָאמַארָא' מיינט 'א נעכטיגן טאג'...

**מרן שליט"א**: נישט לאנג צוריק איז געווען ביי אונז אן אסיפה פאר די בחורים, און מ'האט גערעדט פון זאכן וואס מ'דארף זיך היטן [ח], האט דער בעל דרשן הרה"ג ר' יעקב אבראמאוויטש שליט"א דערציילט, אז הגאון ר' יעקב גלינסקי זצ"ל איז געווען אנפאנג מלחמה אין איינער פון די ליטווישע ישיבות, און היות ס'איז געווען גרויסע רדיפות פון די גוים האט מען זיך מיישב געווען אז מ'גייט נישט ארויס פונעם בנין הישיבה.

מ'דארף דאך אבער האבן עסן, האט מען געבעטן פון ר' יעקב גלינסקי זאל ארויסגיין שאפן עסן. אנקומענדיג צום בעקעריי האט ער געזען אז די בעקעריי איז צוגעשפארט, האט ער זיך נאכגעפרעגט פארוואס ס'איז צוגעשפארט, האט מען אים געזאגט אז היינט גייט דער פריים-מיניסטער פון פוילן האלטן א דרשה אויף די ראדיא, און די גאנצע שטאט קומט זיך צוזאם צו הערן זיין דרשה אויף די ראדיא; איז ר' יעקב גלינסקי געגאנגען זיך צוהערן צום דרשה.

דעמאלטס איז געווען די מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד איבער דאס שטאט דאנציג, האט דער פריים-מיניסטער געזאגט אז דייטשלאנד זאגט יעצט: "געב מיר צוריק דאנציג, און איך לאז דיר אפ", זאגט דאך די סברא אז מ'זאל אים עס נאכגעבן, ווייל דאנציג באלאנגט דאך באמת פאר דייטשלאנד, און ס'לוינט זיך נישט אז מ'זאל צוליב דעם אריינגיין אין א מלחמה, אבער דער אמת איז אז דייטשלאנד בעט טאקע נאר דאנציג, אבער זיי מיינען נישט דאנציג, נאר זיי ווילן איינעמען גאנץ פוילן.

נאך די דרשה איז ר' יעקב גלינסקי צוריקגעקומען אין ישיבה און געזאגט: "ברויט האב איך ענק נישט געברענגט, אבער א גוטע מוסר דרשה האב איך יא געברענגט"... אז מ'קען זיך אפלערנען א מוסר פון דאס וואס דער נשיא המדינה האט געזאגט: "ער זאגט נאר דאנציג, אבער ער וויל די גאנצע זאך", דאס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע וואס זאגט אז ער וויל נאר א קלייניגקייט, דערווייל וועט דאס ברענגען צו אסאך מער.

*

**כ"ק מרן שליט"א הלביש להילד את הציצית, 'קאפל', ו'קאשקעטל', ואמר:**

דער אויבערשטער זאל העלפן אז ער זאל וואקסן מיט יראת שמים [ט].

ציצית ברענגט דאך אויך יראת שמים אזוי ווי ס'שטייט (במדבר טו, לט) וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'.

**ואמר מרן שליט"א להילד**:

געב א קיש פאר די הייליגע ציצית.

**מרן שליט"א טעם מ'לעקיך און ברוינפן', והתחיל הניגון 'אודה ה' מאוד בפי' מבית סקולען, ואיחל לאבי הבן:**

מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב. דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זען אסאך אידיש נחת, ער זאל וואקסן בתורה ויראת שמים, און מ'זאל זען בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

---

**ח.** ביום ב' שלח שנת תשפ"ד לפ"ק התקיים כינוס 'הרימותי בחור מעם' לבחורי ישיבות הקדושות דחסידי פאפא, בהיכל ביהמ"ד עץ חיים בקרית פאפא, להעמיד גדרים וסייגים בעניני טעכנעלאגיע.

**ט.** עיין בגמרא (שבת קנו:) כסי רישיך כי היכי דתיהוי עלך אימתא דשמיא.

**וראה** בבטאון 'פלאם' חנוכה תשפ"ה מדור 'רשמי רשוותא' (עמוד 11), מה שסיפור הר"ר א. י. הי"ו: לפני כשמונה שנה בהגיע בני ני"ו לגיל שלש, עשינו התגלחת אצל כ"ק מרן אד"ש כנהוג. אחר גזיזת השער הלביש מרן אד"ש את ה'קאפל' והציצית לבני, ושאל מרן אד"ש: "וואו איז די קאשקעטל?" שאלתי אם אקנה 'קאשקעטל', ענה מר"ש: "יא", וכשהבחין מר"ש שהדבר קשה עלינו, הוסיף מר"ש דברים חזקים ואמר בזה הלשון: "אז ער וועט גיין מיט א קאשקעטל וועט ער אי"ה זיין א ירא שמים!"



קול רנה וישועה באהלי צדיקים
שמחת
בית פאפא
מוצש"ק ויחי • י"ב טבת תשפ"ה
בר מצוה נין הבכור
של כ"ק מרן אדמו"ר
עט"ר שליט"א
הבחור פרע"ח כמר אהרן שליט"א
בן הרב נפתלי ארי' צבי (ליבוש) שליט"א
בן הרהגה"צ רבי מאיר שליט"א, דומ"צ קהלתינו
חתן כ"ק האדמו"ר מחוסט שליט"א
בס"ד
בר מצוה
אהרן נ"י
9:30
656
נפתלי ארי' צבי (ליבוש) גרינוואלד

# רשת מחנות הקיץ דחסידי פאפא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# וישרא"ל עושה חיל

בשם אלפי אנשי שלומינו, ואלפי תלמידים המתחנכים ברשת המחנות דמוסדותינו הק', הננו בזה לאחל ברכת מזל טוב מעומק לבבינו, לכבוד האי איש חי ורב פעלים, כי לו נאה ולו יאה כל שבח ותהלה, איש האשכולות, נעים הליכות, אהוב לכל, מהלך לפי רוחו של כל אחד ואחד, עומד במסירות נפלאה בראש רשת המחנות ברוב כשרון ומרץ, ומנהל הכל ברוח תבונה, ענינים רוחניים וגשמיים הכל עולים בקנה אחד כרצון קדשו והדרכתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, שבחו מי ימלל, אין גומרים עליו את ההלל, ה"ה

# הר"ר **ישראל**
# **וויזניצער** הי"ו

מנכ"ל המחנות

לרגל שמחת הבר מצוה של בנו הבחור המופלג בתוי"ש **גבריאל יודא** ני"ו

**הוא הגבר אשר עומד תמיד מוכן ומזומן במסירות הגוף ונפש, ונושא את העול הקשה של הנהלת המחנות במסירות ונאמנות עד להפליא!**

## אין די מילים בפינו להודות ולהלל למעלת כבוד ידידנו הר"ר ישראל הי"ו! אשרי לו ואשרי חלקו!

נשא לבבינו אל כפים, שיזכה לכל הברכות האמורות בתורה, ויזכה להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, ויזכה לרוב תענוג ונחת מכל יו"ח, עושר ואושר יריצו אחריו, תורה וגדולה במקום אחד, ויתקיים בו מקרא שכתוב וראה בנים לבניך שלום על ישראל, עדי נזכה לעלות לציון ברנה, עם מלכנו בראשנו אמן.

**כעתירת חברי הנהלת בנות יעקב:**

**משה ברילל** מנהל בנות יעקב

**ישראל פרידלענדער, אליער שלום פריעדמאן, שלמה זלמן אבערלאנדער, אביגדור יואל גאמבא**

# דברות קודש

**אצל מעמד 'ברנה יקצורו' לתלמידי ישיבה קטנה מאנסי**

יום א' וישב תשפ"ה לפ"ק

## אנכי בדרך נחני ה'

אין פסוק שטייט (בראשית כד, כז) אנכי בדרך נחני ה', פשוט פשט מיינט מען דארט אז אליעזר עבד אברהם איז געקומען אויף א שליחות. אבער דער אמת איז אז יעדע זאך אין די תורה איז דאך א נצחיות, און א איד דארף צו וויסן אז לא עליך המלאכה לגמור (אבות ב, טז); וואס דארף א איד טון? א איד דארף בלויז ארבעטן, און לויט די ארבעט רעכנט מען אין הימל; דאס מיינט בדרך נחני ה', דער אויבערשטער וועט שוין פירן וויאזוי ס'דארף זיין למעשה.

דאס אז מ'דארף אנקומען צו עפעס, איז נישט די דרך פון ערליכע אידן, די שפראך "וואס האט מען אויפגעטון" איז נישט דא ביי ערליכע אידן, דער עיקר איז אז מ'טוט, אונז זענען דא צו טון.

דער אמת איז אז די חשוב'ע רעדנער'ס האבן שוין גערעדט דא זייער גוטע ווערטער, אבער כ'האב געטראכט ביי מיר אז מ'קומט דאך דא פאר חיזוק אויף די געוואלדיגע הרבצת התורה און כח התורה, און דער כלל איז אז א איד דארף טון א דבר טוב מיט דריי חלקים, מיט מחשבה, דיבור, און מעשה. מעשה בין איך מקיים אז כ'בין ארויסגעקומען דא זיך משתתף זיין, און געבן די פרסים; מחשבה איז דאס וואס מיין מחשבה ווערט ארויסגעברענגט כסדר דא, **דער ראש ישיבה** מיט די **חברי הועד** ווייסן וויפיל איך


רוממתנו
א דערהויבענע פאפא איגל

בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, האברך היקר, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, ה"ה

העסקן הנמרץ הרב **ישראל יוסף וועבער** הי"ו

**עסקן נמרץ למען ארגון הקדוש "רוממתנו"**

לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב

**יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.**

המברכים בכבוד הראוי

**עסקני ארגון רוממתנו**

רעד מיט זיי וועגן די ישיבה; און מ'דארף דאך ארויסברענגען דער חלק הדיבור אויך, דערפאר וועלן מיר פראבירן צו רעדן אפאר ווערטער פאר די בחורים.

## תורה תבלין כנגד היצר הרע

ערשטנס דארף מען לויבן דעם אויבערשטן על כל החסד אשר עשה עמנו, די געוואלדיגע הנאה וואס מ'האט דורך די הרבצת התורה און די כח התורה וואס ס'גייט דא פאר, סיי די לימוד מיט התמדה און מיט יראת שמים וואס מ'הערט און מ'ווייסט וואס ס'גייט דא פאר.

ברוך ה' אז מ'לערנט דא מיט א געוואלדיגע כח התורה, וואס דאס איז איינער פון די שווערסטע זאכן. די גמרא זאגט דאך (קידושין ל:) בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין, איז דאך דאס פון די וויכטיגסטע און שטערקסטע זאכן וואס אידישע קינדער דארפן האבן, ווייל פונקט אזויווי א מדינה וואס מ'האט נישט דארט גארנישט וואס צו עסן, וועט אבער דער געוועער קעגן דער שונא יא זיין גענוג, ווייל דאס איז עפעס וואס מ'מוז האבן, ממילא דאס וואס די חשוב'ע טייערע תלמידים דא טוען דאס, איז דאך דאס א געוואלדיגע זאך.

דער כלל איז אז ווי וויכטיג א זאך איז, איז דא קעגן דעם דער בעל דבר וואס וויל דאס שטערן, וועגן דעם איז דברי תורה צריכים חיזוק (ברכות לב:).

## כתר שם טוב עולה

ס'שטייט אין די משנה (אבות ד, יג) שלשה כתרים הם, כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות, וכתר שם טוב עולה על גביהן. וואס מיינט מען מיט דעם כתר שם טוב עולה על גביהן? איז דא כמה פשטים דערין. אבער דער פשט קען זיין, אז כתר תורה איז טאקע כתר פאר זיך, כתר כהונה איז א כתר פאר זיך, און כתר מלכות איז א כתר פאר זיך, אבער אויף דעם כתר מוז אויך זיין דעם כתר שם טוב, דהיינו אז די שלימות פונעם כתר איז דער שם טוב.

## איש איש לפי מהללו

איך וועל מסביר זיין כלפי מה דברים אמורים, אבער אז מ'רעדט צו אזעלכע חשוב'ע בחורים וויל איך ערשט מאכן א שטיקל הקדמה.

ס'איז באקאנט די מעשה פון **הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע** מיט **הרה"ק רבי שמעלקא זי"ע**, אז ר' שמעלקא האט געזאגט מוסר פאר די אידן אין זיין שטאט און ס'איז געגאנגען זייער שווער, מ'האט עס נישט מקבל געווען. איז ר"ר אלימלך געקומען צו זיין שטאט און ער האט זיך אויפגעשטעלט דארט און געזאגט אזוי.

איך וויל אייך זאגן א משל; ס'איז געווען אמאל א מחלה ביי פערדן, האט מען גערופן א דאקטער אז ער זאל געבן רפואות פאר די פערדן, ער האט פראבירט אבער ס'איז נישט געגאנגען ס'האט נישט געהאלפן. איז געקומען א צווייטער דאקטער און ווען ער האט געזען וואס דער ערשטער דאקטער האט געגעבן, האט ער געפרעגט מיט וואונדער: "די איידעלע מעדעצינען און רפואות וואס מ'געבט פאר מענטשן דאס געבסטו פאר פערדן? פאר פערדן דארף מען געבן אנדערע זאכן וואס מ'געבט פאר מענטשן".

האט דער ר"ר אלימלך אויסגעפירט פאר זיי, אז דער הייליגער רבי ר' שמעלקא רעדט צו אייך צו איידל... ער רעדט צו אייך


גשר לקשר
א בריק צום קשר של קיימא
שע"י אירגון אחיעזר ואחיסמך דחסידי פאפא

בלב נרגש וברגשי הכרה ותודה, משגרים אנו בזה כסא דברכתא, וברכת מזלא טבא וגדיא יאה, מול ידידנו וידיד כל נפש חי, עושה ומעשה ב'טוב' לבבו בכל לב ונפש להביא אורה ושמחה בבתי אנשי שלומינו, ה"ה

הרב **טובי' דאסקאלאוויטש** הי"ו **שדכן נאמן בקרב אנ"ש**

לרגל שמחת נישואי בנו החתן המופלג יעקב יודא ני"ו מאריות שבחבורתנו הק' בקרית פאפא

בזכות הסיוע והעזר להקמת בתים נאמנים בישראל, יהא רעווא שהזיווג יעלה יפה יפה, ויזכה לבנות בית מלא ברכת ה', ובמהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה וגו', בביאת בן דוד גואלנו, ומלכנו בראשנו בב"א.

**המכירים פעולתיך הנשגבות**
**ארגון גשר לקשר דחסידי פאפא**

אזויוי מ'רעדט צו איידעלע מענטשן, אז מ'רעדט צו א פערד דארף מען אים געבן גראבע מאכלים, מ'דארף ענק ארויסזאגן אויפ'ן גראבן אופן ענקערע חטאים אזויוי ס'דארף צו זיין...

קומט אויס פון דעם, אז ווען מ'רעדט צו א ציבור, דארף מען וויסן וואסערע שפראך מ'דארף צו זיי רעדן, כ'וועל געבן א דוגמא, אז איינער גייט אויף גוויסע פלעצער דארף מען זאגן אז מ'זאל נישט רחמנא ליצלן טאנצן בתערובות, און מ'זאל נישט האבן קיין טעלעוויזיע, אבער ביי אונז פאסט בכלל נישט צו רעדן דערפון; איבעראל דארף מען צו רעדן צו יעדעם לויט זייער מדריגה.

לויט די שמועה וואס כ'האב געהערט אויף דעם פלאץ, און לויט די ידיעה וואס כ'וויס אויף דעם פלאץ, און כ'בין עס מרגיש אז ס'איז טאקע אזוי, אז ס'איז אזא מין חשוב'ע חברייא פון בחורים, אויב אזוי קען מען רעדן אויף א איידעלע שפראך, און מ'קען פארלאנגען העכערע זאכן.

## דרך תלמידי בעל שם

די ערשטע זאך איז, אז די וועלט זאגט אז ביי חסידים לערנט מען נישט, און דאס איז געווען איינער פון די עבודות ביי כמה מקומות צו ווייזן אז ביי חסידים לערנט מען יא. **כ"ק אא"ז מרן היוגד יעקב זי"ע** פלעגט צו זאגן אז דער **רבי ר' אלימלך זי"ע** איז געווען דער ראש פון חסידים, און ער שרייבט (הנהגות האדם אות א) אז מ'דארף הארעווען אויף גמרא תוספות.

אודאי און אודאי דארף מען הארעווען אויף גמרא תוספות, אבער מ'האט פריער געזאגט אז אויפ'ן כתר תורה דארף זיין א כתר שם טוב עולה על גביהן. וואס איז דער כתר שם טוב? ביי אונז לייגט מען צו, אז נאכדעם וואס ס'איז שוין יא אזוי אז


רוממתנו
א דערהויבענע פאפא אינגל

בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, האברך היקר, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, ה"ה

העסקן הנמרץ הרב **אברהם אפרים קאהן** הי"ו

**עסקן נמרץ למען ארגון הקדוש "רוממתנו"**

לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב

**יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.**

המברכים בכבוד הראוי

**עסקני ארגון רוממתנו**

מ'לערנט שוין תורה, דארף מען זען אז די התנהגות זאל זיין אנדערש, פשוט צו ווייזן פאר זיך אז מ'זאל זיך האלטן פאר א חסיד'ישער בחור.

וואס מיינט מען א חסיד'ישער בחור? ס'איז דא אויף דעם כמה וכמה ענינים, און מ'קען נישט יעצט אריינגיין אין די אריכות וואס איז די דרך פון **תלמידי בעש"ט**, אבער די ערשטע זאך און די יסוד פון די דרך פון תלמידי בעל שם און פון די ספרי תלמידי בעל שם, איז אנצוואורעמען א איד און צו ווייזן פאר א איד די זיסקייט פון עבודת ה', די זיסקייט, די געהויבנקייט, און די חשיבות פון עבודת ה'.

די דרך פון תלמידי בעל שם איז, אויפצוהייבן יעדע איד; יא! פון דיר האט הקב"ה הנאה! פון דיין תורה, פון דיין עבודה, פון דיין מצוה, פון דיין אידישקייט, פון דיין יראת שמים; פון דיר האט הקב"ה הנאה! דאס מיינט אז מ'הייבט אויף אידישע קינדער.

## הנהגות קודש

מ'רעדט דאך צו אזעלכע טייערע חשוב'ע בחורים, וויל איך זאגן אז די זאכן וואס כ'וועל זאגן זענען נישט קיין דברים חדשים, נאר כ'וועל זאגן אביסל למעשה'דיגע התנהגות וואס מ'פלעגט אלץ טון ביי אונז. ס'איז אזהרות, אבער נישט דווקא אזהרות, נאר הנהגות וואס א חסיד'ישער בחור דארף דאס צו וויסן אז אזוי פירט מען זיך ביי אונז, און כ'רעד יעצט נישט פון סדר הישיבה דווקא, נאר כ'רעד בכלליות וואס דער חינוך ביי אונז איז, וויאזוי א פאפא בחור דארף זיין אוועקגעשטעלט.

דאס ערשטע זאך דארף מען צו וויסן, אז צופרי קודם התפלה איז א העכערע זמן, און מ'זאל מדקדק זיין און פראבירן נישט צו רעדן קיין דברים בטלים קודם התפלה, אזוי שטייט מען אויף צופרי מיט יראת שמים.

מ'דארף מקפיד זיין צו גיין אין מקוה יעדן טאג, מ'שטעלט זיך נישט דאווענען אן א מקוה. די התנהגות אין מקוה דארף אודאי צו זיין בזריזות, נישט רעדן אין מקוה, זיך אויפפירן בצניעות, מ'זאל האבן שמירת עינים. בכלל איז זריזות עפעס וואס מ'דארף וויסן יעדן טאג פון דעם.

מ'זאל מקפיד זיין צו לערנען יעדן טאג עפעס מיט די תפילין, מ'פלעגט אלץ ביי אונז צו מדקדק זיין אז מ'לערנט יעדן טאג עפעס מיט די תפילין. כאטש אין ישיבה איז אפשר דא שיעורים, אבער אפילו אנדערע זמנים ווען ס'איז נישט דא קיין ישיבה צי בין הזמנים, דארף מען אויך מקפיד זיין דערויף. א בחור דארף וויסן אז אזוי איז דער סדר, נישט אז מ'ענדיגט דאווענען, נאר מ'דארף נאך עפעס לערנען מיט די תפילין. אודאי און אודאי, רעדן מיט די תפילין איז דאך מאן דכר שמיה!

לכתחלה זאל מען לערנען מיט א היט, ס'מאכט זיך אמאל זומער אז ס'איז הייס קען איך נישט זאגן אז יעדער איינער דארף דאס טון, אבער לכתחלה דארף עס זיין אזוי. אבער גיין אינדרויסן אויפ'ן גאס אן א היט?! ס'איז נישט דא אזא זאך! א בחור דארף וויסן אז דאס באלאנגט נישט פאר א חסיד'ישער בחור!

א בחור זאל בכלל נישט גיין מיט קיין אפענע רעקל. פארוואס גייט מען בכלל מיט א לאנגע רעקל? וועגן צניעות; אויב אזוי פארוואס עפענסטו עס אויף?! ס'האט נישט קיין שום פשט!

מ'זאל האבן שיעורים אין ספרי תלמידי בעל שם, לכל הפחות פאר שבת; מ'לערנט דא כסדר ספרי תלמידי בעל שם, אבער


## 'בנות אסתר' דחסידי פאפא, מאנסי יצ"ו

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי מזכה את הרבים, שיחו נאה ואמרותיו נעימים, ברוחו פי שנים, תורה ויראת שמים, שמו הטוב נודע בשערים, איש החינוך ונשוא הפנים, מוכתר בכתר שם טוב, מסור ונאמן למען 'הבנות' ברוב כשרון, ה"ה

הרה"ג ר' **אברהם בנימין אבערלאנדער** שליט"א

**ראש החבורה בכוללנו פה מאנסי**

חבר ועד הנהלת ה'בנות'

לרגל השמחה במעונו בהולדת בתו למזל טוב

יברכו השי"ת בכל משאלות לבבו לטובה, ויזכה לשתי שלחנות ברוחניות ובגשמיות, ויוכל להמשיך בפעליו הטובים לזכות את הרבים. הצלחה וסייעתא דשמיא ילוו אותו כל ימי חייו עד סוף כל הדורות, בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו אמן.

**כה דברי ידידו מוקירו:** אליעזר שלום באדאנסקיא מנהל בנות אסתר

לכל הפחות פאר שבת און ימים טובים איז זיכער אז מ'דארף האבן. פארשטייט זיך אז ס'איז כדאי צו לערנען מער אויך אין אנדערע צייטן, מ'לערנט וויפיל מ'פארשטייט, אודאי די שווערע טיפע העכערע שטיקלעך איז נישט געמאכט פאר בחורים, אבער ס'איז דאך דא געוואלדיגע געוואלדיגע שטיקלעך וואס ווארעמט אן, די אלע ספרים הייבן אויף א אידישע קינדער! נישט אומזינסט האבן אונזערע רבי'ס געקאכט אין ספרי תלמידי בעל שם.

נאך א זאך וויל איך זאגן, אז ביי אונז איז דער סדר אז מ'לערנט מיט א גארטל; פארוואס דארף מען לערנען מיט א גארטל? וועל איך ענק מסביר זיין. אין שלחן ערוך שטייט (או"ח סימן צא סעיף ב) אז ביים דאווענען דארף מען אנטון א גארטל ווייל ס'שטייט (עמוס ד, יב) הכון לקראת אלקיך ישראל, און ביי חסידים איז אלעס עבודת ה', די לערנען איז אויך עבודת ה', און מ'דארף זיך מרגיל זיין צו דעם אז מ'לערנט מיט א גארטל.

## תורה עם יראת שמים

וואס הייסט אז מ'לערנט מיט תורה מיט יראת שמים? ס'זענען דא פארשידענע פראגראמען וואס די שוואכערע אידן לערנען, דאס איז אודאי בעסער ווי גארנישט, און ס'וועט זיכער עפעס אויפטון ביי דעם שוואכערן איד וואס זעצט זיך אויפ'ן קאוויטש אן די היט און רעקל, מיט א קאווע, מיט די מאשינקעלע אין אויער, און ער הערט א שיעור אויף דף היומי; ביי די זייט האט ער די טעלעפאן וואס קלינגט אים פון צייט צו צייט אינמיטן לערנען, און אזוי מאכט ער זיך באקוועם און ער לערנט.

זיי זענען אודאי תמימות'דיגע אידן, אבער ביי אונז גייט נישט תורה אויף דעם אופן, ביי אונז הייסט דאס נישט געלערנט, אונז לערנען נישט אויף דעם אופן, ביי אונז איז די לערנען תורה אן עבודת ה'! מ'לערנט די 'הייליגע' תורה! אזוי לערנט מען אין חדר מיט די יונגלעך "זאגט די הייליגע משנה".

דאס איז ווי ס'שטייט (ירושלמי א, ז) כל האומר שמועה משם אומרו יהא רואה עצמו כאילו בעל השמועה עומד בפניו, אודאי ביי צדיקים איז טאקע געווען אזוי, אז ווען מ'האט געלערנט א מימרא פון אביי איז אביי טאקע געווען פאר אים, אבער יעדע זאך האט דאך מדריגות מדריגות, איז דאס נוגע פאר אונז אז די ניצוץ און די קדושה פון די הייליגע אמוראים און די הייליגע צדיקים שטייען פאר אונז.

און הוא הדין די ניצוץ און קדושה פון די גרויסע צדיקים די תלמידי בעל שם וואס אונז לערנען זייערע ספרים, וואס אונז זענען דאך פון תלמידי תלמידיהם, און מ'ווייסט דאך וואס **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** האט געזאגט אז **כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע** האט זיך אריינגעדרייט צווישן די תלמידי בעל שם, און מ'זעט דאס אויך אינעווייניג אינעם ספר הק' ערוגת הבשם.

## ויגבה לבו בכל הזמנים

איך האף אז מ'פארשטייט פון זיך אליין, אז א בחור וואס זיצט דא אין ישיבה, זאל אים קיינמאל נישט איינפאלן: "איך קום אריין דא, און כ'פאלג וואס מ'הייסט מיר, כ'בין דא באצייטנס, כ'קום צופרי ווען ס'הייבט זיך אן דער סדר היום, און כ'פאלג אלעס; אבער וואס איך טו אינדערהיים שבת, וואס איז דא א נפקא מינה?"

מעומק הלב נברך בזה ברכת מזל טוב לכבוד הארי שבחבורה, עוסק בתורה בשקידה נפלאה, שמועתו נאה, עושה פרי תבואה, תורה וחסידות בו צמודים יחד, כמעיין המתגבר משפיע לנו מבאר החיים של רבותינו הק', אשרי השומעים בכל עת אמרתו, עובד עבודתו בקודש במסירות נפלאה, מאיר פנים לכל אדם, עסקן נמרץ למען קדשי בית חיינו, ה"ה

הרה"ח ר' **ישראל יוסף וועבער** שליט"א

**ראש החבורה במסגרת ארגון החבורות דחסידי פאפא**

לרגל הולדת בנו למזל טוב

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך עם פעלים וחיילים לתורה וחסידות, להשפיע תורה וחסידות מבארם של רבותינו הק', עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים ברגשי גיל והוד**

**חברי החבורה תלמידי שיעור א' בישיבה קטנה תושבי ב"פ**

מ'דארף וויסן אז נישט דאס מיינט מען דא! די גאנצע חינוך און ווארעמקייט וואס מ'באקומט דא און מ'ווערט אויפגעהויבן, דאס דארף זיין ארומגענומען אויך ווען מ'איז אינדערהיים און ס'איז נישט דא קיין ישיבה, צי ס'איז שבת אדער אנדערע צייטן. אלעס דארף זיין אויפגעהויבן, א בחור דארף זיין ארומגענומען מיט ווארעמקייט.

דאס איז אן ענין וואס קען זיך אסאך מאל טרעפן א נסיון אין דעם, כ'וועל נישט זאגן קיין משלים, כ'וועל נאר זאגן א משל וואס איז נוגע אין די טעג: ס'קען זיך טרעפן, כ'האף אז נישט, אבער אז די משפחה מאכט א חנוכה-סעודה, וואס מ'רופט עס מיט אווארט וואס ס'פאסט נישט צו זאגן 'חנוכה-פארטי', און מ'פירט זיך מיט געוויסע זאכן וואס יענער פארשטייט נישט וואס די עבירה איז, וואו שטייט אז מ'מעג נישט, וואס איז דער חסרון דערפון.

אבער א חסיד'ישער בחור דארף צו וויסן: "איך בין דא מחונך געווארן! ס'איז נישט פאר מיר!" יעקב אבינו איז געווען גלות בבית לבן האט ער געוואוסט אז דער שווער לבן זאל זיך פירן אויף זיינע נוסחאות און מיט זיינע זאכן, און איך גיי אויף אן אנדערע מהלך...

כ'וויל שוין נישט אזויפיל מאריך זיין, אבער דאס דערמאנט מיר פון עפעס וואס איז געווען ביי **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל**, וואס דאס געבט א שטיקל צורה וויאזוי ס'איז געווען ביים טאטן ז"ל.

ווען מיין ברודער [**הגה"צ רב דקהל תולדות יוסף שליט"א**] האט חתונה געהאט, זענען מיר געווען אין שיקאגא אויף א שבע ברכות, אונז זענען איינגעשטאנען דארט ביי א בעל בת'ישער איד, און שפעט ביינאכט נאכ'ן שבע ברכות איז דער טאטע ז"ל געזעסן ביים טיש און געשמועסט אביסל מיט'ן בעל אכסניא.

דער איד איז געווען א שוואכער בעל השגה, און נישט מער און נישט ווייניגער אינמיטן די שמועס האט זיך זיין אידענע צוגעזעצט צום טיש צו מיטשמועסן, זי ווייסט בכלל נישט וואס די פראבלעם איז... פארוואס נישט?...

ס'איז געווען אזא גרויסע שטוב, און די צווייטע זייט איז געווען א ספרים-שאנק, האט מיר דער טאטע ז"ל געגעבן א כאפ אן ביי די האנט: "לאמיר גיין"... און אונז זענען געגאנגען די אנדערע זייט שטוב און זיך געזעצט לערנען, ס'איז שוין געווען שפעט ביינאכט, און די אנדערע צופרי פארטאגס זענען מיר שוין צוריק אהיימגעפארן.

אמאל טרעפט זיך אז א בחור טרעפט זיך מיט משפחה וואס האבן אנדערע השגות, דארף מען מקיים זיין דעם ויגבה לבו בדרכי ה', און דאס דארף מען טון מיט שכל, מ'דארף וויסן אז אזוי בין איך מחונך געווארן, און אז יענער קוקט מיר אן ווי איך בין א פאנאטישער, זאל איך זיין א פאנאטישער... איך גיי מיר מיין וועג און דו גיי דיר דיין וועג...

אודאי מיין איך נישט צו זאגן אז מ'זאל מזלזל זיין אין איינעם, מ'דארף אפגעבן פאר יעדעם די כבוד וואס קומט זיך אים, מ'דארף זיין א נעים הליכות, דער ויגבה לבו בדרכי ה' דארף אויך זיין מיט א שכל'דיגע אופן, מיט א נעימות, מיט א כבוד, מ'דארף מכבד זיין יעדע איד, יעדער האט זיך זיינע נסיונות, איך האב מיר מיינע נסיונות און ער האט זיך זיינע נסיונות.

## ברכות לרוב

וואונטש איך פאר יעדעם איינעם, און פאר דער חשוב'ער ראש ישיבה מיט די אלע מרביצי תורה די מגידי שיעור, וואס געבן זיך אפ מיט די בחורים און האבן א גרויסע חלק אין די גאנצע הצלחה, זאל דער אויבערשטער געבן מ'זאל קענען זוכה זיין ווייטער לרומם קרן התורה, און ממשיך זיין כל מיני ישועות, ס'קומט דאך חנוכה זאל זיין לעכטיג ביי אידישע קינדער.

מ'זאל זוכה זיין צו כל מיני ישועות, צו ישועות כל ישראל, זכות אבות זאל אונז באגלייטן, מיר זאלן זוכה זיין צו ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך, מ'זאל שוין זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.


בס"ד
מבצרי הישיבות דחסידי פאפא
מתיבתא קהלת יעקב קרית פאפא
ישיבה קטנה קהלת יעקב פאפא רעד הוק
ישיבה קטנה ויחי יוסף פאפא מאנסי
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א
יום שמחת לבו – זו מתן תורה
אין שמחה כתורה
ואין לומדי'
כתלמידים המקושרים
בשובע שמחות וביקרא דאורייתא מבשרים אנו לקהל אנשי שלומינו
ובמיוחד להורי בחורי מבצרי ישיבותינו
אשר בעת השמחה הגדולה בחצרות קדשינו
חגיגת בר מצוה רבתי
נין הבכור של אבינו רועינו כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א
פרעה"ח הרב אהרן שליט"א, בן הרב נפתלי ארי' צבי (ליבוש) שליט"א
נכד הרהגה"צ רבי מאיר שליט"א, דומ"ץ קהלתינו
שתיערך אי"ה במקהלות אלפי חסידים ואנשי מעשה
מוצש"ק ויחי - בביהמ"ד הגדול
בהאי שעתא עילאה ומרוממה
נזכה להגיש באימה וביראה אל מול פני הקודש
דורון דרשה
ומנחת ביכורים
עשרות אלפי שעות לימוד התורה ברציפות
הנלמד בימים אלו ע"י תלמידי הישיבות – לגיוט של מלך הקשורים ליעק"ב
בתור הכנה דרבה לקראת השמחה בבית המלכות
ולעשות נחת רוח לאבינו רועינו עטרת ראשינו
גדול יהי' כבוד
המאורע החשובה
להריק ולהשפיע
שפע ברכות ורב
שמחות רב
אשרינו מה
טוב חלקינו ומה
נעים גורלינו
שדברי תורה
חביבים עלינו
פאפא
מנחת ביכורים
שמחת בר מצוה
– חרוזים מיוחדים ישמיע אחד מבני החבורה –



בס"ד
שמחת
בית פאפא
מוצש"ק ויחי • י"ב טבת תשפ"ה
בר מצוה נין הבכור
של כ"ק מרן אדמו"ר
עט"ר שליט"א
הבחור פרע"ח כמר אהרן שליט"א
בן הרב נפתלי ארי' צבי (ליבוש) שליט"א
בן הרהגה"צ רבי מאיר שליט"א
דומ"צ קהלתינו
חתן כ"ק האדמו"ר
מחוסט שליט"א
שירו לד' שיר חדש
מ'קען שוין הערן די
נייע ניגון
שמחה וריקוד
"נודה לך לעולם
לדור ודור נספר תהלתך"
ערשיינט מיט רייכע מוזיק און קאפעליע
לרגל השמחה הגדולה בחצרות קדשינו
דורך מקהלת בית פאפא
אויף קול קהלת יעקב
718-480-7872
7-3-1
קול רנה וישועה באהלי צדיקים
ששו ושמחו בשמחת רבינו

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן

**לימוד באלשיך הק'**

## סיפר הרה"ג ר' **דוד מאיר ווייס** ז"ל:

**זקיני** אבי אמי **הגה"צ רבי ישעי' קליינמאן זצ"ל** היה דיין בעיר סאטמאר ביחד עם **כ"ק מרן זצוק"ל**, וזכה ללמוד ולהסתופף בצל קדשו של **כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע** משך שמונה שנים, והיה דבוק אליו בכל לבו ונפשו.

**פעם** בשב"ק בבוקר נכנסתי לחדרו של זקיני וראיתי שהוא לומד בספר אלשיך הקדוש. שאלתי את זקיני: "כ'האב נאך קיינמאל נישט געזען דעם זיידן לערנען אלשיך?" אמר לי זקיני: "די נאכט האב איך גע'חלומ'ט ווי דער רבי דער ערוגת הבשם פרעגט מיר וועלכע ספרים אין לערן שבת, האב איך געענטפערט אז איך לערן משניות, נועם אלימלך, און דעם רבינ'ס ספרים, האט מיר דער רבי געפרעגט פארוואס איך לערן נישט אלשיך הקדוש; דערנאך האט דער רבי אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט און מיר געזאגט פון טיפעניש פון זיין הארץ "דער אלשיך הקדוש! דער אלשיך הקדוש!" דערפאר לערן איך יעצט אלשיך הקדוש".

*

**תפלות הנשים**

## סיפר הרה"ח ר' **שלום בער ווינטער** הי"ו (ברעזאווע - לאנדאן):

**זקיני הרה"ח ר' שאול שטערן ז"ל** התגורר בעיר סערדאהעלי, והיה בנו של **הגה"צ רבי שלום בער שטערן זצ"ל ראב"ד סערדאהעלי** ובעמח"ס 'לשד שמן' (נפטר י"ט תמוז תר"ע).

**זקיני** ר' שאול היה נוסע כמה פעמים לעיר סאטמאר בגלל העסקים שלו, והיה רגיל ליכנס אל הקודש אל **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע**. באחת מנסיעותיו בעת שנכנס אל הקודש התעניין מרן הקרן לדוד בתוך השיחה אודות אמו הרבנית אשת הגה"צ ראב"ד סערדאהעלי, ש**אמו הרבנית מרת שרל ע"ה** היתה בת קדושים בתו של **הגה"ק רבי דוד צבי ערענפעלד זצ"ל** חתן רשכבה"ג **הגה"ק מרן החתם סופר זי"ע**, ושאל מרן הקרן לדוד: "וואס מאכט די מאמע?"

**נענה** זקיני למרן הקרן לדוד בבדיחה קצת: "וואס הייסט? זי זאגט תהלים"... אמר לו מרן הקרן לדוד: "מיין שאול; לאַך נישט, לאַך נישט; אויף דיין מאמע'ס תהלים שטייט די האלבע וועלט!"

*

**לתקן לו בית התלמוד**

## סיפר הרה"ח ר' **בן ציון אויסטערליץ** ז"ל:

**לאחר** השואה הגעתי לאמריקה עם אבי הרה"ח ר' אשר זעליג ז"ל בעצם יום הפורים שנת תשי"א לפ"ק, כחודש אחר שהגיע **כ"ק מרן זצוק"ל** לאמריקה.

**תיכף** משהגענו לעיר, ניגשנו למשכן הקודש של מרן ז"ל לקבל ברכת שלום. מרן ז"ל התאכסן אז ברחוב ווילסאן, ונכנסנו אל הקודש בעת שאחז מרן ז"ל באמצע שלחן הטהור לכבוד פורים.

**אבי** ניגש מיד אל מרן ז"ל לקבל ברכת שלום, ומרן ז"ל אמר לו בצהלת פנים: "ביי יעקב אבינו שטייט (רש"י מו, כח) אז ער האט קודם ארויסגעשיקט יהודה לתקן לו בית התלמוד; דו האסט געטון פארקערט, דו

האסט קודם ארויסגעשיקט דעם רבי'ן, און נאכדעם ביזטו געקומען"...

*

**ברכה על תפוחי אדמה**

## סיפר הגה"צ רבי **משה סופר** שליט"א רב דבית מדרשנו י"ם עי"ק ת"ו:

**זכיתי** להיות בן בית אצל **כ"ק מרן זצוק"ל**, ומרן ז"ל התנהג עמי כבן ממש, ובגלל זה קלטתי כמה ענינים שנעשו בבית. בשנים קדמוניות נהג מרן ז"ל לברך על תפוחי אדמה ברכת בורא פרי האדמה, אחרי זמן הבחנתי שמרן ז"ל שינה ממנהגו והתחיל לברך ברכת שהכל. פעם בהזדמנות שאלתי את מרן ז"ל על זה, נענה מרן ז"ל: "דער טאטע ז"ל האט געמאכט א שהכל", סתם ולא פירש יותר, ואכן מאז נהג לברך ברכת שהכל על תפוחי אדמה.

*

**אלקא דמאיר עננו**

## סיפר הרה"ח ר' **שמואל וואסערמאן** ז"ל:

**פעם** הייתי זקוק לישועה באיזה ענין מסויים, ונכנסתי אל הקודש פנימה ל**כ"ק מרן זצוק"ל** לשפוך את מר לבי, מרן ז"ל הקשיב לדברי והשתתף בצערי, ואחר כך אמר: "ברענג מיר אריין געלט פאר רבי מאיר בעל הנס". מרן ז"ל לא אמר לי כמה כסף להביא, ולכן עשיתי לעצמי איזה חשבון והכנתי סכום של אלפיים דולר.

**לאחר** יום או יומים נכנסתי אל הקודש עם הסכום המלא בתוך מעטפה, ושאל אותי מרן ז"ל: "וויפיל געלט האסטו געברענגט?" אמרתי את הסכום, תמה מרן ז"ל ושאל: "צוויי טויזענט? כ'האב נישט געמיינט אזוי סאך", ומרן ז"ל פנה להמשב"ק ואמר לו: "שיק מיר אריין ר' אברהם גרינוואלד", ה"ה **הרה"ח ר' אברהם גרינוואלד ז"ל גבאי ביהמ"ד הגדול**, וגבאי נאמן לכולל שומרי החומות צדקת רבי מאיר בעל הנס, ומרן ז"ל מסר לו את הסכום כסף.

*

**לימוד חומש רש"י**

## סיפר מוה"ר **יחיאל בר"י טויבער** הי"ו:

**זכיתי** להיות נוכח בעת שיחת קודש בין **כ"ק מרן זצוק"ל** עם **כ"ק האדמו"ר הנועם אליעזר מסקולען זצ"ל** ובנו **כ"ק האדמו"ר רבי ישראל אברהם מסקולען זצ"ל**, והאדמו"ר רבי ישראל אברהם ז"ל התפלפל עם מרן ז"ל אודות רש"י מסויים. בין השיחה אמר הנועם אליעזר ז"ל למרן ז"ל בהתפעלות: "איך זע אז דער רבי איז בקי אין דקדוק", נענה מרן ז"ל: "מיין דקדוק קען איך פון רש"י"[א].

*

**א.** וכן ידוע מכ"ק מרן מבעלזא זי"ע, כמו שמובא בספר פרדס שמאי להג"ר שמאי הכהן גראס שליט"א דומ"ץ קהל מחזיקי הדת בעלזא (בהקדמה): שמעתי מדודי הרה"ח ר' משה הכהן גרוס ז"ל, שכ"ק מרן מהר"א ז"ל סיפר, שידוע שכ"ק מרן מהר"ש ז"ל ידע דקדוק, והעולם סוברים שלמד חכמת הדקדוק, אבל זה ליתא, אלא שהיה רגיל ללמוד חומש עם רש"י, ודרך העולם לדלג הרש"י על מה שמפרש על פי הדקדוק, ומרן מהר"ש למד הרש"י שיש בה דקדוק במתינות, ומשם ידע חכמת הדקדוק.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק' ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'
**718.480.7872**
להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

**אריינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג